# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

גליון **01** | פרשת **ויקרא** - זכור | **פורים**


# פורים: אנהייבן רעספעקטירן די קליינטשיגע ברעקלעך...

ארויסגענומען פון ליקוטי הלכות מנחה ה"ז

**וואס האט 'פורים' מיט 'ברעקלעך'? מיט וועלכע טאקטיק האט המן געוואלט אונטערברענגען דאס אידישע פאלק? וויאזוי מאכן די צדיקים זיכער אונז צו ראטעווען דערפון? וואס איז דער ריכטיגער באדייט פון א 'מתמיד'?**

ווער וויל דען נישט זיין קיין מתמיד? ווער וואלט נישט געוואלט קענען לערנען אכצן שעה א 'מעת לעת'? נישטא קיין מענטש וואס וויל דאס נישט! יעדע אידיש קינד וואלט געוואלט אינזין האבן יעדעס ווארט ביים דאווענען, און שטענדיג היטן די אויגן גייענדיג אין גאס, און עסן מיט די גרעסטע מאס קדושה. דאן פארוואס זעט דאס אויס צו זיין אזוי אומעגליך? פארוואס יעדעס מאל וואס איך פרוביר זיך נאר צו נעמען פונדאסניי - לאזט זיך עס צום ענדע אויס מיט א פאטאלע דורכפאל? צו בין איך אפשר נישט געמאכט פאר דעם?

אלגעמיין, אין דער וועלט ווערט אנגערופן א 'מתמיד' איינער וואס קען זיצן 'שעות' אויף 'שעות' איבער א גמרא און זיך שאקלען מיט א געוואלדיגע פלייס. אינ'אמת'ן אבער, נישט לויט דעם ווערט עס געמאסטן. אין וואס יא? לכאורה ווי קען א מענטש וויסן צו ער לערנט ווייל ער האט באמת ליב די תורה?

זאג נאר? שטעל זיך פאר, עס פארגלוסט זיך דיר א געשמאקע סארט טשאקאלאדע, אבער צו דיין גרויס באדויער האסטו נישט פאר דיר מער ווי אפאר קליינע איבערגעבליבענע ביסן, וועסטו דען זאגן: "נע, וואס וועל איך האבן פון דאס אויפעסן? עס איז ממילא כמעט גארנישט געבליבן!"? זיכער נישט. א מענטש וואס האט באמת ליב א געוויסע מאכל, עסט נישט נאר ווען עס ליגט פאר אים א גאנצע פארציע, נאר ער וועט אפילו אפלעקן מיט זיינע פינגער די איבערגעבליבענע ברעקלעך וואס זענען איבערגעבליבן אין טעלער אדער אויפן טאץ.


ער וועט אפילו אפלעקן מיט זיינע פינגער די איבערגעבליבענע ברעקלעך וואס זענען איבערגעבליבן אין טעלער אדער אויפן טאץ


האט איר שוין אמאל באמערקט שטייענדיג ביים באס סטאנציע ווי עס זיצט זיך דארט א יונגע בחור'ל און טראַץ וואס די באס דארף אנקומען אין בלויז פינף מינוט, גייט ער אין א באשיידענעם ווינקל, און ער נעמט ארויס א קליין ספר'ל פון זיין טאשקע אויסנוצנדיג די פאר קליינע מינוטן? זיכער האט איר אים גוט מקנא געווען. פון וואנעט קומט אבער צו א בחור אדער אינגערמאן אזא השגה? דאס קומט נישט, וויבאלד ער האט זיך אויסגעמאלט פון אנפאנג טאג א גאנצע טורעם אז ער מוז היינט אנקומען צו לערנען אזויפיל, וואס אויב ער דערגרייכט דאס נישט, דאן וועט צופלאצט ווערן די גרויסע באלאן וואס ער האט אויפגעבלאזן, - ניין! דאס קומט פשוט וויבאלד ער האט באמת ליב 'תורה', ער האט באמת ליב דעם אייבערשטן, דעריבער פארשטייט ער, אז יעדע ברעקעלע פאר זיך וואס מען טוט פאר'ן אייבערשטן איז נאך א אומשאצבארע געווינס, ער פארגינט זיך פשוט נישט צו דערלייגן אפילו א קליין ביסל דערפון. אט דאס טייטש א מתמיד.

דער הייליגער רבי נתן, וואס ווי באקאנט איז יעדע מינוט געווען ביי אים גאר טייער, ער פלעגט שטענדיג טון יעדע זאך מיט א מורא'דיגע זריזות נישט וועלנדיג פארברענגען קיין איין איבריגע מינוט, האט ער אמאל דערציילט, אז פאר ער איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן, פלעגט ער זיך שטארק מוטשענען מיט די פראבלעם, וויבאלד ער האט שטענדיג געזוכט צו זיין פון די 'מתמידים', און ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש און עס האט זיך אים געמאכט סיי וואספארא שטערונג, האט ער שוין נישט געקענט לערנען אזוי


*המשך בעמוד ב'*


## מעט מן האור

*לקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***ונפש כי תקריב קרבן מנחה לה'** (ויקרא ב' א'): **ובפירוש רש"י: לא נאמר נפש בכל קרבנות נדבה אלא במנחה, מי דרכו להתנדב מנחה? עני! אמר הקב"ה: מעלה אני עליו כאילו הקריב נפשו, עכ"ל.***

היינו, כי כל הקרבנות ששוחטין אותם, זה בחינת זביחת היצר-הרע כמובא. אבל המנחה אין בה שחיטה, וזהו 'קרבן עני', כי "אין עני אלא מן הדעת". ומי שהוא עני במעשים טובים ואין בו דעת לזבוח יצרו לגמרי, ואף-על-פי-כן הוא רוצה להתקרב להשי"ת, נתנה לו התורה עצה שיקריב את **נפשו**, דהיינו **רצונו**, (כמו שכתוב: "אם יש את נפשכם"). דהיינו, שיחזק עצמו ברצונות והשתוקקות להשי"ת, **והקב"ה מעלה עליו כאילו הקריב נפשו** ממש, ויקרה היא מאד בעיניו יתברך.

*( ליקוטי הלכות ברכת הריח ה"ה, ח')*

### עניני פורים

***ובכן אבוא אל המלך אשר לא כדת, וכאשר אבדתי אבדתי** (אסתר ד' ט"ז):*

ודרשו רז"ל (מגילה ט"ו.): "אשר לא כדת" **שלא כדת של תורה**. היינו, אף-על-פי שלפעמים נדמה להאדם שהוא רחוק כל כך מהשי"ת עד שעל פי דת של תורה בוודאי אינו ראוי לבוא לפני המלך ולהתפלל לפניו כפי גודל חטאיו ועוונותיו, (בבחינת "ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי"), אף-על-פי-כן יחזק עצמו ויאמר: עם-כל-זה **אבוא אל המלך אשר לא כדת**, ואם תפילותי והתבודדותי אינו לרצון לפניו ח"ו, אזי **כאשר אבדתי אבדתי**, ויעשה השי"ת עמי מה שירצה, אני תמיד אייחל ואצעק להשי"ת אולי ירחם.

*(ליקוטי הלכות בכור בהמה טהורה ה"ד, ט"ז)*

***"לעשות כרצון איש ואיש", אמר רבא: לעשות כרצון מרדכי והמן** (מגילה יב.)*

לכאורה מנא לן ש**איש** זה מרדכי, ואילו **וְאיש** זה המן? אלא מפני ש**אי"ש** הוא ר"ת **א**ין **ש**ום **י**אוש, אבל **ואי"ש** הוא אותיות **יאוש!**

*(רבי אפרים'ל קראקאווסקי, בעמ"ס עונג שבת)*

***סגולה להיות נשמר מחמץ בפסח, לקיים המצוות של פורים***

צירוף של פורים מרומז בפסח בפסוק (שמות כ"ג): "שבעת ימים תאכל מצות וכו' כי בו יצאת **ממצרים ולא יראו פני ריקם**". והר"ת של: **מ**'מצרים **ו**'לא **י**'ראו **פ**'ני **ר**'יקם הוא **פורים**, כי **פורים** הוא הכנה **לפסח**, כי על-ידי מצוות פורים שמקיימים, זוכים להיות נשמרים מחמץ בפסח.

*(ליקוטי מוהר"ן תנינא ע"ד)*


יוצא לאור ע"י **אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | **להערות והארות ולקבלת הגליון באימעיל:** Cn.Breslev@gmail.com | **לתרומות והנצחות נא לפנות: 347.974.1220**

*המשך פון עמוד א'*

ווי ער האט געוואלט, און נאכדעם וואס דאס האט זיך איבערגעשפילט איין-צוויי-דריי מאל, האט ער אויפגעגעבן פון צו לערנען אין דעם טאג, און ער האט אפגעשטופט זיין התמדה אויף צומארגנס.

אויפצומארגנס האט זיך אבער ווידער איבערגע'חזר'ט דאס זעלביגע, און אזוי אויך איבערמארגן, ביז ער האט אפגעמאכט אז ער קען שוין מער נישט אנציען אויף אזא מין גאנג און ער איז שטיין געבליבן. "ווען איך בין אבער אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן" - האט ר' נתן אויסגעפירט - "האט מיר דער הייליגער רבי אנטדעקט דעם סוד: אז **"אביסעלע איז אויך גוט"**, און ווען איך בין נאכדעם געגאנגען אין בית המדרש און איך האב געזען אז איך קען נישט אניאגן צו לערנען אסאך - נאר ווייניג, און איך האב מיר דערמאנט אין דעם הייליגן רבי'נס רייד, האב איך פרובירט צו לערנען אביסעלע, נאכדעם האב איך געטראכט; לאמיר פרואוון צו לערנען נאך אביסעלע, און מיט די צאמשטעל פון אט די אלע 'ביסעלעך' בין איך מיט די צייט געווארן א פולשטענדיגע מתמיד" (שיש"ק א', תרצ"ז).

נעם דיר גוט אריין די כלל אין קאפ: "נישט אייביג קען א מענטש טון **אלעס!**" יעדע מענטש האט זיך צומאל געוויסע צייטן וואס ער איז פאריאגט און פארנומען אדער סתם וואס דער יצר הרע דרייט אים א קאפ און ער ערמעגליכט אים נישט אויסצופירן זיינע גוטע רצונות. איז אויב וועט ער צוווארטן ביז ער וועט האבן געגוג צייט אדער ביז דער יצר הרע וועט אים **גענצליך** אויפהערן משוגע מאכן, דאן וועט ער זיך גאנץ אָפט אנשטויסן אין א אויסגעליידיגטע טאג - פארפוסטעוועט מיט גארנישט.

דערפאר, דער עיקר וועג צו קענען אריינקומען אין עבודת השם און נאנט ווערן צום אייבערשטן: 'הייב אן מחשיב זיין אפילו בלויז איין מינוט תורה'. 'איין קוק ווייניגער אויפן גאס'. 'איין וואָרט מער אינזינען געהאט בשעת'ן דאווענען'. דאן אז דו וועסט דאס אנהייבן שעצן און זיך פרייען דערמיט, וועט זיך דיר פשוט גלוסטן נאך אזאנס, ביז דו וועסט זיך פלוצלינג טרעפן אינזין האבן אסאך ווערטערביים דאווענען, און לערנען אסאך מינוטן פון תורה, און מער מאל היטן די אויגן, און אזוי ווייטער.

'המן'-'עמלק' - דער בייסיגער שלאנג, זיין הויפט סטראטעגיע אראפצואווארפן דעם מענטש, איז צו נעמען דעם מענטש און אים ארויפשטעלן הויעך אויפן שפיץ בוים, און אים מאכן שפירן אז אויב קענסטו אריינכאפן אלעס דאן ביסטו עפעס ווערד, אבער אויב נישט איז: **"וכל זה איננו שוה לי"** - דיין גאנצע הארעוואניע איז ווערד א שמאטע, אביסל איז גארנישט ווערד. דערפאר, רוב מענטשן וואס האבן זיך געטראפן אין אט די סיטואציע זענען גלייך פארלוירן געווארן און האבן צוריק געטרעטן.

די הייליגע צדיקים וואס ענהאלטן אבער אין זיך די ליכטיגקייט און די שיין פון 'מרדכי הצדיק', זענען אבער מגלה פאר אידישע קינדער: 'יעדע קלייניקייט וואס דו טוסט פאר'ן אייבערשטן אלעס ווערט אנגענומען מיטן פולסטן עהרע אויבן אין הימל'. פרוביר זיך צו אריענטירן און טראכט גוט אדורך וואס דו קענסט יא אריינכאפן, **"כל אשר תמצא ידך לעשות בכוחך עשה"** - זאגט שלמה המלך אין קהלת (קהלת ט, י.), כאפ זיך ארויף דערויף ווי צו א געבראטנס, לאז זיך נישט פארפירן פון המן דער באטריגער שווינדלער.

אט דאס איז די מורא'דיגע ליכטיגקייט וואס שיינט אראפ אין דעם הייליגן יו"ט '**פורים**' וואס נעמט זיך פון די לשון '**פירורים**' (- די 'ברעקלעך'): נעמליך, 'זיך אנהייבן פרייען מיט די קליינע ביסן', אנהייבן פארשטיין אז יעדע קליינע עבודה וואס מען טוט פאר'ן אייבערשטן אלעס איז חשוב אין הימל. ווען מען הייבט דאס אן גוט צו דערהערן, דאן איז נישט פארהאן קיין גרעסערע שמחה און ליכטיגקייט פון דעם, מען הייבט אן שפירן א זיסקייט און צוגעבינדנקייט צו יעדע עבודה און צו יעדע 'דבר שבקדושה'.

### קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# אפגערופן דעם שפיל

אין די 'קַטַמוֹן' געגנט נעבן ירושלים עיה"ק, האבן זיך אין די לעצטע צייט צוזאמגענומען א גרופע פרייע יונגען וועלכע זענען ליידער געווען ווייט פון תורה און מצוות רח"ל, און געגרונדעט א 'אונטערהאלטונגס צענטער' צושטעלנדיג אינטערסאנטע פארשטעלונגען און פארוויילונגען צו פארברענגן די צייט און אנפילן זייער אינהאלטסלאזער לעבן.

אין א שיינעם טאג, זענען די אנפירערס פון דעם 'שפיל צענטער' אויפגעקומען מיט א בליציגע איינפאל, נעמליך אפצושפילן נישט מער און נישט ווייניגער - די 'דרייצנטע מעשה' פונעם ספר הקדוש 'סיפורי מעשיות' - די מעשה פון 'די זיבן בעטלערס' - לעבעדיג אין א פארשטעלונג (וואס ווי עס איז באקאנט, ליגט אין די מעשיות גאר הויכע און פארבארגענע סודות התורה).

זיי האבן באשלאסן, אז כדי צו קענען אראפלייגן און אויסשפילן די מעשה 'אויטענטיש', און ארויסנעמען די סוקסעס פונעם שפיל ביזן קלימאקס, וועלן צוויי פון די אנפירערס אפירזוכן א ברסלב'ע חסיד און זיך ווענדן צו אים, אז יענער זאל זיי צוהעלפן צו דערגרייכן זייער געוואונטשענעם ציל. אנגעטראפן האבן זיי, אינעם דערהויבענעם חסיד, רבי נחמן בורשטיין ז"ל, פון די חשובע ברסלב'ע חסידים אין יענע געגנט. זיי האבן אים פארגעלייגט זייער באגער אז אלס חסיד פון "רבי נחמן ברסלב'ער", זאל ער זיי ארויסהעלפן מיט די שפיל.

"אוודאי וועל איך אייך פרובירן צו העלפן" - האט רבי נחמן זיי געענטפערט אויף זייער אנפראגע. ער האט זיי ענטפאנגען מיט זיין שטענדיגער שמייכל, און זעענדיג מיט וועם ער האט דא צוטון האט ער זיך אנגערופן: "ערשט וועלן מיר אנהייבן איבערצוגיין צוזאמען די גאנצע מעשה אויפן סדר". מען האט גלייך אפגעשמועסט א צייט אויף די קומענדיגע שבת נאכמיטאג, דעמאלטס וועט מען זיך צוזאמקומען, און ער וועט פארלערנען פאר זיי די מעשה. די ערשטע וואך זענען זיי אנגעקומען, און 'ר' נחמן' האט זיי פארגעלערנט 'די מעשה' מיט זיין זעלטן אייגנארטיגע געשמאק, אריינגעפלאכטן פיל מיט התעוררות און התחזקות. מען האט תיכף אפגעשמועסט זיך ווידער צו טרעפן אין דעם קומענדיגן וואך. די קומענדיגע וואך זענען זיי ווידער אנגעקומען צום שיעור, און אזוי ווייטער, ביז עס איז אריבער א לענגערע צייט, וואס יעדע שבת נאכמיטאג זענען זיי געקומען זיך צוצוהערן צו די וואונדערליכע מעשה.

ווען די שיעור אין די מעשה איז געקומען צו א ענדע, האבן די צוויי זיך געלאזט הערן: "מיר ווען שוין קיין שפיל פון אזעלכע הייליגע מעשיות נישט מאכן...". זיי האבן זיך געזעגנט, און זיך הייס געדרוקט די האנט איינער פאר'ן צווייטן.

א צייט שפעטער, האט 'רבי נחמן' גייענדיג אין גאס זיך אנגעשטויסן אין א איד מיטן פולסטן חסידישע טראגע מיט בארד און פיאות. "איר דערקענט מיר?" פרעגט יענער. ווי איבערראשט איז 'ר' נחמן' געווארן ווען דער פרעמדער אידענטיפיצירט זיך פאר אים און ער זאגט אים: "איך בין איינער פון די צוויי מענטשן מיט וועם איר פלעגט לערנען יעדע שבת אינעם ספר 'סיפורי מעשיות'"...

ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט, האבן די צוויי זיך איינגעשריבן אין א ישיבה פאר בעלי תשובות הארט נאכ'ן מיטהאלטן די וועכענטליכע שיעורים, און זענען געווארן פולשטענדיגע פרומע אידן. זיי האבן אויפגעשטעלט שיינע אידישע שטובער, און פון זייערע אייניקלעך זענען היינט דא חשובע מגידי שיעורים און מרביצי תורה.

עס איז ווירקליך מקויים געווארן די ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן: "די וועלט זאגט אז 'מעשיות' טוען איינשלעפן א מענטש, אבער איך זאג, אז אט די הייליגע מעשיות וועלן גאר אויפוועקן דעם מענטש פון זיין טיפע שלאף... (ברוחניות)".

אט דאס איז נאר איינער פון די פילע וועגן, וויאזוי רבי נחמן בורשטיין האט מיט זיין אויסנאמליכער באנעמונג און מיט זיין לעכטיגע פנים, מקרב געווען אידן צו זייער טאטע אין הימל, און אויפגעלאכטן די גאנצע 'קטמון' געגנט מיט די 'אור' פונעם הייליגן רבי'ן.

אין די גאנצע געגנט איז ער געווען באוואוסט, מיט זיין זעלטענע דערהויבענע 'קבלת שבת' וואס ער האט פאר'געדאווענט מיט א מורא'דיגע ברען און פלאקער. איבערהויפט ביי 'לכה דודי' פלעגט ער פארגעזינגען די באקאנטע ווארעמע ברסלב'ע 'לכה דודי ניגון', אזש אפילו די פרייע שכנים פלעגן קומען מיטהאלטן און זיך דערקוויקן דערמיט.

זיין חשובע זוהן (רבי נתן בורשטיין שליט"א), דערציילט נאך א וואונדערליכע עפיזאד, וויאזוי ר' נחמן'ס קבלת שבת האט מחזיר בתשובה געווען א פרייער איד. ער האט אמאל געטראפן א חסיד'ישע איד אין שטאט מאנסי, וועלכער האט אים פארציילט אז ער אליין איז געווען א סטודענט וואס איז געגאנגען שטודירן אין א פרייע אוניווערסיטעט. איינמאל איז ער פונקט (!) אריינגעפאלן, און מיטגעהאלטן א קבלת שבת אין די ברלסב'ע שטיבל אין די קטמון געגנט. די קבלת שבת וואס ר' נחמן האט אפגעפראוועט האט אים מעורר געווען צו תשובה, צוביסלעך איז ער צוריקגעקומען צו אידישקייט, ביז צום סוף איז ער אריינגעגאנגען לערנען אין א בארימטע חשוב'ע ישיבה אין אמעריקא, און היינט איז ער פון די חשובע בעלי בתים אין זיין שטאט.

אזוי האט 'רבי נחמן' זוכה געווען צו מאריך ימים זיין ביז די מיטעלע זיבעציגער יארן, אוועקגעבנדיג זיין גאנצע לעבן צו מחזק זיין און צוריקברענגנדיג אידישע קינדער צו די שויס פון זייער פאטער אין הימל, ביז זיין פטירה 'פורים קטן', י"ד אדר א' שנת תשע"ד. זכותו יגן עלינו.

**ואלו יעמדו על הברכה:**

מוה"ר **יצחק אלטר פיש** הי"ו
בארא פארק
**שתרם 1,500 גליונות**
לרגל שמחת נישואי בתו תחי'
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **משה יוסף שווארטץ** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרם 1,500 גליונות**
לרגל פתיחת הגליון
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **יואל לוי ניימאן** הי"ו
קרית יואל
**שתרם 1,000 גליונות**
לרגל הכנסת בנו לעתומ"צ
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **משה מאיר זילבערשטיין** הי"ו
קרית יואל
**שתרם 1,000 גליונות**
לרגל אירוסי בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **אהרן משה לייפער** הי"ו
בארא פארק
**שתרם 500 גליונות**
לרגל הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **הערשל** בר"ד **פיש** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרם 500 גליונות**
לרגל שמחת נישואין בבית אחיו ר' **יצחק אלטר** הי"ו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **אלי' פדווא** הי"ו
בן הרה"ג **גאב"ד לאנדאן** שליט"א
וויליאמסבורג
**שתרם 500 גליונות**
לרגל אירוסי בתו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

קול **משיב לשואל:**
**718 362 8870**